ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ויצא

(חלק כ שיחה א)


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה


מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת ויצא, ו־יב כסלו, ה׳תשפ״ד (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2023
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ויצא

א. אויפן פסוק[1] „וישכב במקום ההוא" שטייט אין מדרש[2]: „כאן שכב, אבל כל י"ד שנה שהי' טמון בבית עבר לא שכב", און דערנאָך אַ צווייטע דעה: „כאן שכב, אבל כל כ' שנה שעמד בביתו של לבן לא שכב" (ווי עס שטייט[3] „ותדד שנתי מעיני").

ווייטער איז ער ממשיך אין מדרש „ומה הי' אומר? ר' יהושע בן לוי אמר ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים, מאי טעמי', שיר המעלות לדוד לולי ה' שהי' לנו יאמר נא ישראל[4], ישראל סבא (יעקב אבינו). ר' שמואל בר נחמן אמר כל ספר תהלים הי' אומר, מה טעם, ואתה קדוש יושב תהלות ישראל[5], ישראל סבא".

דער פשט אין דער שאלה „ומה הי' אומר" קען ניט זיין „מיט וואָס איז יעקב אבינו געווען פאַרנומען בבית לבן"

ווייל עס שטייט בפירוש אַז ער האָט געאַרבעט מיט צאן לבן בכל כחו[6] ביז „ביום גו' בלילה ותדד שנתי מעיני" —

נאָר די שאלה איז: וואָס האָט יעקב געזאָגט (מתפלל געווען, געלערנט) כדי צו קענען איבערקומען די שוועריקייטן אין חרן ובבית לבן?

זייענדיק בבית לבן איז דאָך יעקב געווען אין אַ מעמד ומצב של גלות, ער איז אַוועקגעגאַנגען מבית יצחק אביו צו זיין בבית לבן,

און האָט זיך דאָרטן פאַרנומען מיט „צאן לבן"[7], לבן'ס צאן.

ביז אַז זיין געפינען זיך בבית לבן האָט גע'פועל'ט ביי אים אַ ירידה ממדריגתו[8], ווי רש"י זאָגט[9] אַז יעקב האָט געזאָגט „אם לרמאות הוא בא גם אני אחיו ברמאות", ד. ה. אַז ביי אים איז געווען כביכול דער ענין הרמאות בדוגמת הרמאות דלבן[10].

ווערט דעריבער די שאלה: ווי אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען און בייגעשטאַנען דעם ענין הגלות? — זיכער איז דאָך דאָס געווען דורך „הקול קול יעקב" וועלכער איז מבטל די „ידים" און די מנגדים פון יעקב ועניניו כמחז"ל[11] איז די שאלה „מה הי' אומר"?

אויף דעם ענטפערט דער מדרש, אַז דאָס זיינען געווען די „ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים", אָדער „כל ספר תהלים"; דאָס האָט אים געגעבן דעם כח אַז ער זאָל קענען דורכמאַכן דעם ענין הגלות.

ב. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: בשלמא לויט דער דעה אַז „כל ספר

1) פרשתנו כח, יא.

2) ב"ר פס"ח, יא. וראה גם ב"ר פע"ד, יא.

3) פרשתנו לא, מ.

4) תהלים קכד, א.

5) שם כב, ד.

6) פרשתנו לא, ו. ועד שלמדין הלכה למעשה מיעקב שפועל „חייב לעבוד בכל כחו" (רמב"ם סוף הל' שכירות. טושו"ע חו"מ סו"ס שלז. שו"ע אדה"ז חו"מ הל' שאלה ושכירות ס"כ).

7) להעיר אשר צאן הוא גם מלשון יציאה (מחוץ ליעקב — קדושה (תו"א פרשתנו כג, ג. תו"ח שם לח, ב. וישלח לט, ג ואילך)).

8) ע"ד מ"ש באברהם (לך יב, יא) ויהי כאשר הקריב לבוא מצרימה וגו' (ראה תורת הבעש"ט בזה — הובא במאור עינים ס"פ שמות).

9) עה"פ פרשתנו כט, יב.

10) ראה סה"מ עת"ר ע' עג. ולהעיר מד"ה פדה בשלום תרס"ח, תש"ג.

11) ב"ר פס"ה, כ.

תהלים הי׳ אומר״ איז פאַרשטאַנדיק די שייכות פון דער אמירה צו יעקב׳ן אין דער צייט „שעמד בביתו של לבן״. וואָרום זייענדיק אין אַ מצב וואו בפשטות האָט ער ניט געקענט לערנען תורה בעיון (עכ״פ — ניט ווי בשעת ער איז געווען „טמון בבית עבר״) האָט ער געזאָגט תהלות צום אויבערשטן און אַזוינע תהלות אויף וועלכע נוטלים שכר כנגעים ואהלות[12]; וואָס איז אָבער די ספּעציעלע שייכות פון די „ט״ו שיר המעלות שבספר תהלים״ צו זיין מצב בבית לבן?

ווער מען דאָס פאַרשטיין בהקדם וואָס דער חיד״א[13] ברענגט אַז די „ט״ו שיר המעלות אמר דוד ע״ה כנגד ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״

[וואָרום אברהם אבינו האָט געלעבט „מאה שנה ושבעים שנה וחמש שנים״[14], יצחק איז געבאָרן געוואָרן ווען אברהם איז געווען „בן מאת שנה״[15], און יעקב איז געבאָרן געוואָרן ווען יצחק איז געווען „בן ששים שנה״[16] — קומט אויס אַז עס זיינען געווען „ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״].

ועפ״ז קען מען זאָגן, אַז יעקב האָט געזאָגט די „ט״ו שיר המעלות שבספר תהלים״ בכדי דערמיט צו מעורר זיין דעם זכות (אויך) פון זיינע אבות אברהם ויצחק, ד. ה. אַז נוסף אויף זיינע אייגענע זכיות וכוחות, זאָלן אים אויך נמשך ווערן די כוחות פון אברהם ויצחק, וואָס דורך דעם דוקא האָט ער געקענט דורכ־מאַכן די שוועריקייטן בבית לבן, ווי ער האָט געזאָגט „לולי אלקי אבי אלקי אברהם **ופחד** יצחק **הי׳ לי גו׳**״[17].

ג. דער טעם פאַרוואָס ער האָט גע־דאַרפט אָנקומען צום זכות פון אַלע אבות בכדי צו בייקומען די נסיונות פון לבן, וועט מען פאַרשטיין פון דער עצה וואָס ברענגט זיך[18] ווי צו מנצח זיין אין מלחמת היצר בכלל, וואָס מ׳האָט אָפּגעלערנט פון אַ מלחמה כפשוטה וועלכע איז פאָרגעקומען אין די צייטן פון אַלטן רבי׳ן:

דער סדר פון „מערכות המלחמה״ בכלל איז, אַז „מחלקים כל א׳ החיל שלו לג׳ חלקים, חלק א׳ באמצע . . ושתי ידות מימין ומשמאל, וכן מסדר גם הצד שכנגדו לג׳ חלקים כאלו, ונלחמים אלו מול אלו״.

און די הצלחה אין דער מלחמה (וואָס איז געווען אין יענער צייט) איז געקומען דורכדעם וואָס מ׳האָט אָוועקגעשטעלט „ג׳ מחנות שלו״ אַנטקעגן איין מחנה פון דעם שונא, וואָס „עי״ז מתגבר בודאי עלי׳״.

ועד״ז לערנט מען אָפּ בנוגע צו דער מלחמה רוחנית, מלחמת היצר: בכדי צו מנצח זיין דעם יצר דאַרף מען מעורר זיין „כל ג׳ מדות דקדושה (אהבה יראה ורחמים) לעומת מדה אחת דקליפה, ועי״ז בודאי יפילו וינצחו אותה״[19].

12) שוח״ט א. יל״ש תהלים רמז תרי״ג.

13) בפירושו „יוסף תהלות״ לתהלים, מזמור קכ.

14) חיי שרה כה, ז.

15) וירא כא, ה.

16) תולדות כה, כו.

17) פרשתנו לא, מב. ולהעיר, שהפסוק שממנו למדו במדרש (שבהערה 2) שהי׳ אומר „ט״ו שיר המעלות״ הוא „לולי ה׳ שהי׳ לנו יאמר נא ישראל״, שהוא ע״ד הפסוק „לולי גו׳ אלקי אברהם גו׳״ (ראה רש״ש לב״ר פס״ח שם).

18) דרוש הצ״צ — נעתק ב„התמים״ חוברת ג ע׳ ז [קכ, א].

19) ובדרוש הצ״צ שם (ועד״ז בלקו״ת ואתחנן ה, א): שזהו פי׳ הפסוק (פרשתנו כט, ג) ונאספו כל העדרים שהם אהוי״ר ורחמנות דקדושה אז דייקא וגללו את האבן מע״פ הבאר.

און דערפאַר דאַרף מען האָבן די „ט״ו שיר המעלות״ וועלכע זיינען „כנגד ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״ אויף דורכגיין און ביישטיין דעם ענין הגלות —

די ג׳ אבות זיינען דאָך (כנגד) די ג׳ מדות דקדושה, אהבה און יראה ורחמים[20], און בשעת מ׳האָט אַלע ג׳ אבות ביחד, ד. ה. מ׳קלייבט צוזאַמען אַלע ג׳ מדות דקדושה ביחד — דעמולט[21] האָט מען דעם כח ביישטיין די אַלע נסיונות פון גלות און זיי מבטל זיין.

ד. על פי זה י״ל הרמז (ע״פ דרך החסידות) והדיוק אין דעם מספר „ט״ו שיר המעלות״ (און „ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״):

מספר ט״ו ווייזט אויף די ערשטע צוויי אותיות פון שם הוי׳ — י׳ ה׳ (בגימטריא ט״ו[22]). וואָס דער חילוק צווישן י״ה און ו״ה איז, אַז די אותיות ו״ה זיינען בחי׳ מדות (ומלכות), און די אותיות י״ה זיינען בחי׳ מוחין (י׳ — חכמה, ה׳ — בינה)[23].

און דאָס איז דער ענין פון די „ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״: כדי אַז אַלע דריי מדות זאָלן קענען זיין צוזאַמען[24] (ובהתגלות) — „חיו האבות ביחד״ — דאַרף אין די מדות מאיר זיין דער אור המוחין (י״ה). וואָרום היות אַז מוחין זיינען העכער פון אופן ההתחלקות פון מדות, דעריבער פועל׳ן זיי די התכללות המדות.

ה. דאָס איז אָבער לכאורה ניט מספיק:

די ט״ו שיר המעלות שבספר תהלים ווערן אָנגערופן בשם „שיר״, וואָס „שיר״ איז פאַרבונדן מיט אַן ענין של שמחה — איז ווי האָט יעקב געקענט זאָגן „שיר המעלות״, אַן ענין של שירה, זייענדיק אין אַ מעמד ומצב של גלות[25]? אמת טאַקע, אַז אין די מזמורים רעדט זיך וועגן עזרי גו׳, די נתינת כח אויף בייקו־מען דעם גלות, אָבער ווי קען מען שטיין אין אַ שמחה גלוי׳ (וואָס דעמולט איז מתאים צו זאָגן שירה (ועי״ד מארז״ל[26] „אין אומרים שירה אלא על היין״)), ווען מ׳געפינט זיך בחרן, חרון אף של מקום[27] און בביתו של לבן?

איז דער ביאור אין דעם: די ירידה פון יעקב אבינו לבית לבן איז געווען בשביל העלי׳, עס זאָל זיין „ויפרוץ האיש מאד מאד״[28]. און וויבאַלד אַז יעקב האָט געזען דעם תכלית המכוון פון זיין ירידה (די עלי׳ וואָס וועט דערפון אַרויסקומען), דעריבער האָט ער זייענדיק בבית לבן געזאָגט „שיר המעלות״[29].

20) לקו״ת אמור לה, ג. ובכ״מ.

21) בלקו״ת ואתחנן (שם), שיעקב הוא ת״ת שמחבר חו״ג „ולכן הוא בלבדו גלל האבן מע״פ הבאר״. אבל אין סתירה מזה למ״ש בפנים, כי עיקר הנצחון הוא דוקא כשיש גם הקוין חו״ג כמו שהם בפני עצמם (ולא רק כמו שכלולים בת״ת), כדמוכח מדרוש הצ״צ הנ״ל שהתעוררות הרחמים — אינו מספיק וצריך גם לאהוי״ר.

22) ראה אוה״ת ואתחנן ע׳ קטז: ט״ו שיר המעלות שאמר יעקב . . כדי להמשיך בחי׳ י״ה.

23) אגה״ת פ״ד (צד, ב ואילך).

24) ראה ספרי (ואתחנן ו, ה): שאין לך אהבה במקום יראה ויראה במקום אהבה אלא במדת הקב״ה בלבד.

25) ועד״ז אינו מובן גם לדיעה הב׳ („כל ספר תהלים הי׳ אומר״), שהרי ענינו של ספר תהלים הוא „זמירות ישראל״. וראה פרש״י תהלים בתחלתו: בעשרה לשונות של זמר נאמר ספר זה בנצוח בנגון במזמור בשיר וכו׳.

26) ברכות לה, א.

27) פרש״י ס״פ נח.

28) פרשתנו ל, מג. וראה תו״א ותו״ח שבהערה 7.

29) להעיר ממחז״ל (סוף מכות) דבראותו גודל החורבן והגלות הי׳ ר׳ עקיבא משחק, ונת׳ בזה

ו. יעדער ענין קומט צום אויסדרוק בהדגשה אין זיין התחלה וראש. ועד״ז בענינינו, אַז די עלי׳ וואָס קומט דורך דער ירידה אין גלות, איז מודגש אין דעם ערשטן פון די „ט״ו שיר המעלות״:

דער סיום וחותם פון דעם ערשטן שיר המעלות (וואָס „הכל הולך אחר החתום״[30]) איז „אני שלום וכי אדבר המה למלחמה״ – וואָס מיינט אַז כאָטש אפילו אַז ער וויל שלום פונדעסטוועגן „המה באים להלחם בי״[31], וואָס די מלחמה (רוחנית) איז דאָס דער העלם והסתר פון גלות, ובפרטיות דער ענין הנסיונות וואָס זיינען מונע ומעכב פון עבודת ה׳ און זיי „קומען למלחמה״ קעגן דעם.

און אין דעם וואָס ער זאָגט „שיר המעלות״ אויף „המה למלחמה״, איז מודגש דער גודל העילוי וואָס קומט אַרויס דורך דער מלחמה.

והביאור בזה: אַ איד טאָר זיך ניט אַריינלאָזן אפילו ניט אַוועקשטעלן זיך במצב פון נסיונות, ואדרבה, ער דאַרף בעטן „אל תביאנו כו׳ ולא לידי נסיון״[32]. דערפאַר זאָגט ער „אני שלום״, אַז ער זוכט אַן עבודה בדרך שלום (וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט מלחמה ונסיונות).

אָבער אעפ״כ, מצד דעם עילוי וואָס ווערט דוקא דורך מלחמה ונסיונות, מאַכט לפעמים דער אויבערשטער אַז „המה באים להלחם בי״, אַז צווישן די „המה״ (לשון רבים – „עוה״ז הגשמי כו׳ שנקרא רשות הרבים״[33]) – זאָלן זיין אַזוינע וואָס קומען לוחם זיין און שטערן פון עבודת ה׳.

און אויף דעם זאָגט ער „שיר המעלות״: ניט נאָר זיינען די נסיונות אים ניט מונע פון עבודת ה׳ און פועל׳ן ניט קיין חלישות בעבודתו, נאָר אדרבה, זיי רופן ביי אים אַרויס אַ תוספת כח ואומץ ביתר שאת ויתר עז, און דאָס ברענגט אים אַז ער שטייט אין אַ מצב פון „שיר״.

ז. יעדער ענין אין תורה איז אַ הוראה נצחית, איז דערפון מובן, אַז כל הנ״ל איז אַ הוראה על כל זמן הגלות און אַ הוראה מיוחדת פאַר אונזער צייט, קושי הגלות, דרא דעקבתא דמשיחא:

בשעת מען טראַכט זיך אַריין אין דעם חושך הכפול והמכופל פון דרא דעקבתא דמשיחא, ביז אַז ע״פ תורה איז דאָ אַ מקום צו פרעגן „מאין יבוא עזרי״[34], קען מען דאָך אַריינפאַלן אין יאוש, ר״ל –

איז די הוראה מהאמור: וויבאַלד אַז די ירידה פון אידן אין גלות (וואָס איז בדוגמת „ויצא יעקב גו׳ וילך חרנה״[35]) איז בשביל העלי׳, כדי ס׳זאָל זיין דער „יתרון האור מן החושך״ און „יתרון לחכמה מן הסכלות״[36] – דאַרף זיין דער „אשא עיני״[37], מ׳דאַרף זיך צוקוקן (ובאופן פון אשא עיני) צום תכלית

(לקו״ש חי״ט ע׳ 67 ואילך) שהוא משום שדוקא הוא ראה בתוקף הגלות את העילוי שבא מזה בהגאולה. ולהעיר מכתבי האריז״ל שר׳ עקיבא הוא גלגול (ואותיות) יעקב (ראה סדה״ד ערך ר׳ עקיבא סי״א).

30) ברכות יב, א.

31) פרש״י עה״פ.

32) ברכות ס, ב.

33) תניא ספל״ג.

34) תהלים קכא, א (ב„ט״ו שיר המעלות״). וראה ב״ר פס״ח, ב.

35) ראה זח״א קמז, א: מוקי האי קרא בגלותא. שם כג, ב (הובא באוה״ת פרשתנו תתנד, א). ב״ר פס״ח, יג. ובשל״ה (רצב, ב): ענין ויצא יעקב רומז ג״כ לגלות. ע״ש.

36) קהלת ב, יג.

37) תהלים שם.

המכוון פון גלות, די עלי׳ וואָס וועט זיין בגאולה העתידה[38] — און דעמולט איז ניט נאָר וואָס מ׳ווערט ניט נתפעל פון דעם חושך הגלות, נאָר אדרבה, מ׳שטייט אין אַ מעמד ומצב פון שמחה גלוי׳ — „שיר המעלות״.

[ח״ו צו זאָגן אַז מען דאַרף זיין צו־פרידן פון דעם מעמד ומצב פון גלות און טראַכטן אַז דאָס איז אַ מעמד ומצב מתאים פאַר אידן, ח״ו — גלות איז אַן ענין פון „חושך״ און „סכלות״ וכו׳; און אַ איד בגלות — זאָגט תורת אמת קלאָר און דייטלעך אַז ער איז אַ „בן שגלה מעל שולחן אביו המלך״[39]. און אויב דער בן פילט אַנדערש און זאָגט אַנדערש — איז פאַרשטאַנדיק די ספּעציעלע פינסטערניש און נידעריקייט פון זיין גלות.

נאָר מען דאַרף זיך אַריינטראַכטן אין דער כוונה שבזה — עס זאָל זיין „יתרון האור מן החושך״ און „יתרון לחכמה מן הסכלות״].

און דורך דעם ווערט נתגלה און מען פילט דעם ענטפער (אויף דער שאלה „מאין יבוא עזרי״) אין דער שאלה גופא — לויטן פירוש הפנימי[40], אַז דער „עזר״ ווערט נמשך פון בחינת „אין״ — מען קען די בחינה ניט באַגרייפן, זי איז העכער פון שכל והבנה וכו׳, פון „שמות״ —

און דער „עזר״ ווערט נמשך אויך אין סדר השתלשלות, און בגילוי און איז פועל דאָרט — „עזרי מעם ה׳ עושה שמים וארץ״[41], ביז אין שמים וארץ כפשוטם.

(משיחות ש״פ וירא תש״מ)

---

38) להעיר מתנחומא ס״פ תולדות: אשא עיני אל ההרים . . זה משיח בן דוד.

39) ברכות ג, סע״א: אשרי המלך כו׳ לאב כו׳ לבנים כו׳.

40) ראה לקו״ת שלח נא, א (מזח״ג קכט, א) — דבחי׳ אין הוא למעלה משם הוי׳. וראה לקו״ת שמע״צ (צ, ב) בענין מאין יבא עזרי.

41) תהלים שם, ב. וראה לקו״ת שמע״צ שם.